# אולע
# דער וואסערטרעגער

אוצר החכמה

גערופן האָט מען אים דער שדכן, כאָטש קיינער האָט נישט געוויסט צי ער האָט אין זיין לעבן אַמאָל צונויפגעפירט אַ שידוך. מען האָט געוווסט, אַז ער איז אַן אָרעמאַן אין זיבן פּאָלעס. צוזאַמען מיט זיין ווייב און צוויי זין האָבן זיי געוווינט אין אַ פינצטער שטיבל, ווו די אָרעמקייט האָט אַרויסגעשריגן פון יעדן ווינקל.

ביידע זין: שלמה און אולע זענען געוואַקסן פריי און ווילד, האָבן נישט קיין מורא געהאַט פאַרן טאַטן, זענען תמיד געווען הונגעריק און אַרומגעגאַנגען אין צעריסענע מלבושים.

די מוטער האָט שטענדיק געזוכט צווישן אַלטע פאַרגעסענע מלבושים עפּעס אָנצוטון פאַר זיי. זי איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און געזוכט, צוגעהערט זיך ווי איר מאַן לערנט מיט אונדז, מיידלעך, דאַווענען. מיטאַמאָל פלעגט זי אָנהייבן אונטערמורמלען אונטער דער נאָז עפּעס אַ ניגון פונעם דאַווענען.

אינעם ניגון איז געווען אַ גרויסער אומעט, אַ געבעט, וואָס האָט געשטיקט אין זיך אַ געוויין צום רבונו של עולם, פאַרוואָס ער האָט אין זיי פאַרגעסן. איך האָב געהערט, ווי זי מורמלט: „מענטשן לעבן, האָבן דירות, ברויט צו דער זעט”...

צוזאַמען מיט מיין חברטע דאָבע בודני האָבן מיר געלערנט ביים שדכן

אולע וואַסערטרעגער, די פאַרקערפּערונג פון שווערן לעבן אין יידישן שטעטל.



הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
וולומין ספר קהילה עמוד מס: 360 הודפס ע"י אוצר החכמה

דאַוועגען. ווען איך דערמאָן זיך אין דער אָרעמקייט פון זיין שטוב, דרוקט מיין האַרץ אַ שווערער טרויער. אין דער היים פלעג איך ליגן מיט אָפענע אויגן און טראַכטן פאַרוואָס די מענטשן זענען געשטראָפט געוואָרן מיט אַזאַ אָרעמקייט.

ווען אולע איז אויפגעוואַקסן איז ער געוואָרן אַ וואַסערטרעגער, האָט געטראָגן וואַסער אין יידישע שטובן. ווען איך פלעג אים זען גיין מיט די עמערס און מורמלען צו זיך — האָב איך זיך דערמאָנט אין זיין מאַמע, ווי זי איז געזעסן אין ווינקל פון שטוב, ווו איר מאַן האָט געלערנט די מיידלעך דאַווענען און געמורמלט וועגן מענטשן, וואָס לעבן, האָבן דירות און ברויט צו דער זעט...

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
וולומין ספר קהילה עמוד מס: 361 הודפס ע"י אוצר החכמה

# אונדזער היים

ויזנטער פעדעם פאַרבינדן מיך מיט אונדזער היימשטעטל וואָלאָמין. מיין פאָטער, שמואל טייבלום איז געווען דער סאַמע ערשטער פון די טייבלומס, וואָס האָט זיך באַזעצט אין וואָלאָמין. ערשט נאָך אים זענען געקומען זיינע צוויי ברידער: פנחס און מענדל. אַלע דריי ברידער האָבן זיך פאַרנומען מיט מסחר פון האָלץ און בוי־מאַטעריאַלן.

וואָלאָמין איז נאָך דעמאָלט געווען אַ קליינער ישוב און גאָר אַ קליינע צאָל יידן. אין שטוב האָב איך אָפט געהערט דערציילן וועגן יענע ערשטע יאָרן, ווען די ערד איז ביסלעכווייז באַפרייט געוואָרן פון וואַלד און זומפּ און גענומען ברענגען פרוכטן פון מענטשנס זריעה. ווינטער־קאָרן און פרילינג־תבואות. אין שטעטל האָבן גענומען אויסוואַקסן הייזער און די באַפעלקערונג איז געוואָרן אַלץ גרעסער און געדיכטער.

אויך אונדזער משפחה האָט זיך צעוואַקסן. פערצן קינדער זענען מיר געווען אין שטוב. ווען דער טאַטע איז אַוועק פון דער וועלט בין איך אַלט געווען אינגאַנצן אַכט יאָר, אָבער אין מיין זכרון האָבן זיך איינגעקריצט זיינע איידעלע התנהגותן, די פרומע שבתים, זיין ספרימדיקע פאַרטיפקייט, מיט וועלכער ער איז צוגעגאַנגען צו יעדער זאַך. ער איז געווען אַן אָפגעהיטענער ייד, אַן אַלעקסאַנדרער חסיד.

ווי עס פירט זיך אין חסידישע שטובן האָט מען ביי אונדז די קינדער פרי חתונה־געמאַכט. דאָך זענען נאָך מיין טאַטנס פטירה געבליבן אַכט נישט־פאַרהייראַטע קינדער. זיי זענען נאָך געווען גאָר יונג און דער מאַמען איז שווער אָנגעקומען דאָס דערציען זיי.

צי איז דען פאַראַן אַ גרעסערער נחת פאַר אַ מאַמען ווי זען אירע זין זיצן יומם ולילה און לערנען? פאַר וועמען, מ׳שטיינס געזאָגט, האָרעווע איך? — פלעגט מיין מאַמע זיפצן אינדערשטיל — אויב נישט, אַז מיינע קינדער זאָלן זיין ערלעכע יידן, לערנען, גיין אין גאָטס וועגן״.

פאַר דעם טאַטע, האָט זי טאָג און נאַכט געבעטן דעם אויבערשטן און געלויבט אים פאַר דער הילף ביים דערציען אירע קינדער, און ווען זיי זענען אונטער־



הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
וולומין ספר קהילה עמוד מס: 362 הודפס ע״י אוצר החכמה

געוואַקסן איז איר געוואָרן גרינגער. זי האָט דערלעבט אַ סך נחת פון זיי, חתונה־געמאַכט אַלע אירע קינדער, חוץ מינען, וועלכע איז געווען די יונגסטע און נאָך געוואַרט אויף איר באַשערטן.

אַ, מאַמע מיינע, ווי שיין דו האָסט דערצויגן דיינע קינדער. אין דיינע שטילע בליקן האָבן מיר אַרויסגעלייענט די שטורעמס פון דיין גרויס מאַמיש האַרץ, וואָס האָט געוויטיקט מיטן צער פון יעדן קינד און געפרייט זיך מיט זיין גליק. פאַר יעדן איינציקן פון אונדז האָסטו געפונען דאָס שטילע וואָרט, וואָס האָט געטרייסט אין די שווערסטע שעהן.

תמיד ביזטו, מאַמע טייערע, געווען מיט אונדז און דיינע ברכות האָבן געשוועבט איבער אונדזערע קעפּ מיט צוזאָגן פון שפע, מיט האָפענונגען אויף אַ לעבן אָן צער.

מיט דיינע הייסע ווּנטשן און ברכות איז גרינגער געווען צו גיין אין לעבן, דורכצומאַכן שווערע צייטן און האָפן אויף בעסערע.

מיט האַרציקע תפילות האָסטו געקאָרמעט אונדז ווען מיר זענען געווען קליין און ווען מיר זענען שוין געווען דערוואַקסן.

מיר ווייזט זיך אויס צו פילן נאָך ביז הייַנט דיין האַנט אויף מיין שטערן, ווען ער האָט געגליט אין הויכער היץ.

דיין גרויסע זאָרג איז געווען, אַז מיר זאָלן מיט גאָטס הילף זיין געזונט, נישט באַגיין קיין עבירות און שטענדיק אָפּהיטן די דינים פון כשרות.

טייערע מאַמע מיינע, די בלוטיקע מלחמה האָט אַ סוף געמאַכט צו אַלע אירע האָפענונגען. זי איז אומגעקומען צוזאַמען מיט אירע קינדער און אייניקלעך, צוזאַמען מיט אַלע וואָלאָמינער יידן, וועלכע זענען אַרויסגעפירט געוואָרן קיין טרעבלינקע.

פון אונדזער גרויסער משפחה, פון אַלע מיינע ברידער און שוועסטער בין איך איינע אַליין געבליבן לעבן, כדי טאָג און נאַכט צו באַוויינען זייער גרויזאַמען טויט.

מיין ברודער משה איז נאָך געווען אַ יונגער מענטש ווען עס איז אויס־געבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה. פון זיינע פריסטע יאָרן האָט ער זיך אויס־געצייכנט מיט זיין גוטהאַרציקייט. עס האָט נישט געטראָפן, ער זאָל עמעצן אָפּזאָגן אַ גמילת חסד אָדער סתם אַ טובה.

משה האָט גאָר יונג אָנגעהויבן טראַכטן וועגן ארץ־ישראל ער איז געווען אַן איבערגעגעבענער ציוניסט און האָט זיך געלאָזט קאָסטן אַ סך געלט פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג. האָט אין אַלע זאַמל־אַקציעס פאַר קרן היסוד און קרן־קיימת אַרויסגעוויזן אַ ברייטע האַנט.



הודפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
וולומין ספר קהילה עמוד מס: 363 הודפס ע"י אוצר החכמה

די מאַמע האָט אין אים דערלעבט אַ סך נחת. דער האָלץ־סקלאַד, וועלכן ער האָט געפירט; די צעגעלניע, צו וועלכער ער איז געווען אַ שותף, האָבן אים געמאַכט פאַר אַ פאַרמעגלעכן מענטש. בשותפות מיטן ברודער איטשע האָבן זיי געבויט הייזער און איז געווען צו זיינע שוועסטער ווי אַ געטרייער פאָטער, און ער האָט תמיד געזאָרגט, אַז עס זאָל דער מוטער גאָרניש פעלן.

אויף מיין ברודער משה איז אויסגעפאַלן דער גורל צו זיין דער ערשטער קרבן, וועלכן די געסטאַפּאָ האָט אַרעסטירט אין וואָלאָמין. נאָכן רעקווירירן די צעגעלניע זענען זיי געקומען זוכן די באַלעבאַטים. ווען זיי האָבן אים נישט געפינען אין שטוב האָבן זיי צוגענומען מיט זיך זיין פרוי חנה און געמאָלדן, אַז ווען משה וועט זיך צושטעלן, וועלן זיי באַפרייען זיין פרוי.

אַלע האָבן געוווסט, אַז זיין צושטעלן זיך וועט נישט העלפן צום באַפרייען חנהן. די דייטשן זענען שוין געווען באַקאַנט מיט זייערע שקרים. דאָך האָט משה נישט געקענט פועלן ביי זיך צו בלייבן אין באַהעלטעניש בעת זיין פרוי זיצט אין תפיסה און ער האָט זיך צוגעשטעלט צו דער געסטאַפּאָ, מיט אַ שוואַכן פונק פון האָפענונג, אַז אפשר וועלן זיי פאָרט באַפרייען זיין פרוי, די מוטער פון זיינע קינדער.

מען האָט אים גלייך פאַרשיקט קיין דאַכאו, אין טריעריק־באַרימטן קאָנצענ־ראַציע לאַגער, פון וואַנען ער האָט זיך שוין מער נישט צוריקגעקערט.

זיין פרוי חנה האָבן די דייטשן נישט באַפרייט.

ביידע זענען זיי געווען די ערשטע קרבנות צווישן דער וואָלאָמינער באַפעלקערונג, שוין אין יאָר 1939, נאָך איידער עס איז געשאַפן געוואָרן דער געטאָ.

שוין דעמאָלט האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן די וועגן פון לעבן און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער וועג פון טויט, ביז עס איז געקומען דער פולשטענדיקער חורבן.

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
וולומין ספר קהילה עמוד מס: 364 הודפס ע"י אוצר החכמה

# אידעאַליזם

בישט ווייט פון דער גרויסער שטאָט וואַרשע האָט אָבער וואָלאָמין געהאַט דעם גאַנצן חן פון אַ שטעטל, אַרומגערינגלט מיט דערפער, פעלדער און וועלדער. עס איז געווען אַן ענגע פאַרבינדונג צווישן שטעטל מיטן דאָרף. יידן האָבן געהאַנדלט מיט די פויערים, געגאַנגען איבער די דערפער, און די פויערים זענען אין די מאַרק־טעג געקומען אין שטעטל, מיט זייערע וועגענער, אויסגעשטעלטע מיט תבואה און גרינוואַרג, מיט הינער און קאַטשקעס, קי און קעלבער.

מען איז געווען געקניפּט און געבונדן מיט וואַרשע. עס איז אָנגעגאַנגען אַ קעגנזייטיקער האַנדל, שידוכים, פאַמיליע־און געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען. די באַענטקייט צו וואַרשע האָט צוגעגעבן אונדזער שטעטל אַ גרויס־שטאָטישן קאָלאָריט, באַלעבט די טעטיקייט פון די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, אין די לאָקאַלן האָט מען געהאַלטן פאַרלעזונגען און רעפעראַטן אויף ליטעראַרישע און פּאָליטישע טעמעס. מען האָט געזונגען און געטאַנצט און געחלומט וועגן אַ שענער לעבן, דעם חלום פון גאולה.

מיט טרויער דערמאָנען מיר זיך דאָס פולסירנדיקע לעבן אין אונדזער שטעטל און אייביק וועלן מיר טראָגן אין אונדזערע הערצער די ליבשאַפט צום אידעאַליזם פון אונדזער יוגנט, צו דער ערלעכקייט פון אונדזערע עלטערן, צו דער גרויסער איבערגעבנקייט פון אונדזערע מלמדים און לערער, צו די יידישע דאָקטוירים און דענטיסטן, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַזויפיל מיטגעפיל צו אָרעמע קראַנקע.

ווי שיין זענען געווען די גריין־גרויע זקנים, וואָס האָבן זייער זיקנה געטראָגן מיט זעלבסטווירדע און מיט ליבשאַפט צו די יונגערע, וועלכע האָבן זיי אַרויסגעוויזן דעם טראַדיציאָנעלן יידישן דרך ארץ און געלערנט פון זייער רייכער דערפאַרונג, אַזוי פון לומדים און תלמידי־חכמים, ווי פון פשוטע עמך־יידן, וועמענס מענטשלעכקייט מען האָט דערזען, ווען מען האָט זיי נעענטער דערקענט און אַריינגעקוקט אין זייערע נשמות.

אומפאַרגעסלעכע, הייליקע קדושים, אייביק וועט אייער אָנדענק בלייבן איינגעקריצט אין אונדזערע הערצער.



הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
וולומין ספר קהילה עמוד מס: 365 הודפס ע"י אוצר החכמה